# וכל מאמינים

## א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת שופטים תשפ"ד שנה י | גליון מס' 549

בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן



ת.ד 102 בני ברק | פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

**פנינים בעניני תפילה**
**פון די וואכעדיגע פרשה**

### א דאוונען מיט ישוב הדעת

**"וְאָמַר אֲלֵהֶם שְׁמַע יִשְׂרָאֵל אַתֶּם קְרֵבִים הַיּוֹם לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֵיכֶם אַל יֵרַךְ לְבַבְכֶם אַל תִּירְאוּ וְאַל תַּחְפְּזוּ וְאַל תַּעַרְצוּ מִפְּנֵיהֶם" (כ ג)**

אויף דער פסוק "אַל יֵרַךְ לְבַבְכֶם אַל תִּירְאוּ וְאַל תַּחְפְּזוּ וְאַל תַּעַרְצוּ מִפְּנֵיהֶם" ברענגט רש"י אראפ די ווערטער פון די חכמים אין די גמרא סוטה (מב. א) אז די ווערטער איז געזאגט געווארן קעגן די אומות העולם, אז בשעת א מלחמה זוכן זיי אפצושרעקן אידן און און ווייעך מאכן ביי זיי די התנגדות און קעגן דעם רעדט דא דער פסוק.

דער 'אבני נזר' זאגט אז ביי א כהן וואס איז אויך א "משוח מלחמה", וועלכע איז ספעציעל געזאלבט געווארן פאר אזא זאך געבט מען פון הימל א כח אז זיינע ווערטער זאלן קענען האבן א השפעה אז זיי זאלן קענען בלייבן מיט ישוב הדעת און זיך נשיט דערשרעקן פון די כוחות הרע, נאר קעמפן בל תוקף.

לייגט דערויף צו זיין זון דער **'שם משמואל'** אז דאס איז אויך די מטרה פון תקיעת השופר אין חודש אלול. אין דעם טאג ראש השנה דארפן מיר האבן יישוב הדעת צו קענען מתפלל זיין און מנצח זיין די משטינים און די מקטרגים וועלכע ווילן שטערן די תפילות אז זיי זאלן נישט ווערן אנגענומען. וועגן דעם פון ראש חודש אלול ווען עס קומט אן די מלחמה, ווערן אונז גערופן מיט'ן שופר, אז מיר זאלן זוכה זיין צו האבן ישוב הדעת ביי די תפילה.

דאס זאגט אונז דא דער פסוק (תהלים פט טז): "אשרי העם יודעי תרועה". עס שטייט 'יודעי' און עס שטייט נישט "תוקעי תרועה" ווייל מיט דעם ווילן מיר אריינגיין אין ראש השנה, זייענדיג געוואוינט צו דאווענען און מיט דעם וועלן מיר אונטערברענגען די מקטריגים וואס שטיין אויף קעגן אונז.

'שם משמואל' תרע"ח

## פתחו שערים

**די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'**

### שטעלן 'שומרים' אז מען זאל ענטפערן אמן

די וואכעדיגע פרשה הייבט זיך אן מיט די ווערטער: "שופטים ושטרים תתן לך בכל שעריך". אין די ציווי הייסט הקב"ה פאר כלל ישראל אז זיי זאלן ממנה זיין שופטים ושוטרים וועלכע זאלן משפט'ן די אידן א משפט צדק און די שוטרים וועלכע זאלן זיין ממונה אויסצופירן די פסק דין פון די שופטים.

ביז אהער האבן מיר אראפגעברענגט די פשוטער פשט פון פסוק אבער אין א דרשה וואס עס האט גע'דרשנ'ט דער גאב"ד העדה החרדית רבי משה אריה פריינד זצ"ל האט גע'דרשנ'ט דער פסוק אויף די חיוב פון שטעלן אידן אין א שול אז זיי זאלן מעורר זיין דעם ציבור צו ענטפערן אמן.

**די דרשה האט ער געגעבן נאך די פטירה פון א איד וואס איז געווען זייער נזהר אין דעם און ארייגעטייטש די שבח אין פסוק ערוועקנדיג דעם ציבור איבער די זהירות ביי די נושא.**

"שֹׁפְטִים וְשֹׁטְרִים תִּתֶּן לְךָ" - מען זאל שטעלן אין יעדן שול אידן וואס זייער תפקיד איז מעורר צו זיין דעם ציבור נישט צו רעדןביים דאווענען און אז מען זאל נאכזאגן דער 'אמן' אזוי ווי מען דארף עס נאכזאגן און די אידן וועלן גורם זיין "בכל שעריך" אז עס וועלן זיך עפענען פאר זיי די טויערן פון גן עדן און זיי וועלן זוכה צו זייער חלק בעולם הבא "אֲשֶׁר ה' אֱלֹקֶיךָ נֹתֵן לְךָ" ווייל נאכזאגן 'אמן' עפענט די שערי הגן עדן פאר א איד ווי די חכמים זאגן אונז (שבת קיט ב): "כל העונה אמן בכל כוחו - פותחים לו שערי גן עדן" ('עטרת יהושע' פרשת שופטים).

דער געדאנק רעדט פון איין איד וואס איז געווען נזהר אין דעם אבער עס איז זיכער אז עס איז א גוטער זאך אז יעדער שול זאל האבן אזא איינער וואס זיין תפקיד זאל זיין צו דערוועקן דעם עולם צו זאגן 'אמן'.

אין די היינטיגע וועלט איז דא אסאך חסד ארגינאזאציעס. כמעט יעדער איד וועט זיך וואלאונטירן צו טון חסד מיט א צווייטן, יעדער אין זיין זאך, פארוואס זאל נישט זיין אזעלכע וואס זאלן זיך אפגעבן מיט דעם זאך, אויך ווען מען זאגט נאך 'אמן' נאך די ברכה פון אן אנדערן טוט מען א חסד מיט יענעם, אז מען איז מיט דעם משלים די ברכה פון יענעם און פארוואס זאל נישט זיין די זעלבע זאך ביי דעם.

דער באגריף פון זיך מתנדב זיין אויף אן אמן טרעפט מען שוין פריער. אין די שירה פון דבורה הנביאה זאגט דער פסוק (שופטים ה ב) "בהתנדב ראשי עם ברכו ה'" און אין 'תנא דבי אליהו' (רבא יא) שמועסט ער אויס אז דער פסוק גייט ארויף אויף אזעלכע וואס האבן זיך מתנדב געווען אויפצושטיין צופרי און געבענטש הקב"ה מיט אן אמן.

א איד וואס פירט זיך אזוי און טאג טעגליך שטייט ער אויף אינדערפרי און הערט אויס די ברכת השחר פון אנדערע אידן און ענטפערט אמן אויף איר זאמלט זיך אן אומצאליגע אמנ'ס און איז אויך מעורר דעם ציבור אז מען זאל נאכזאגן 'אמן'.

אזא מענטש איז זוכה צו צוויי קרוינען פון גדולה, אויסער וואס עס ווערט מקויים ביי אים דער מאמר חז"ל: "אין גדול לפני הקדוש ברוך הוא יותר מאמן שישראל עונים" (דב"ר ז א)איז ער אויך זוכה מקיים צו זיין דער: "גדול המעשה יותר מן העושה" (ב"ב ט א).

טייערע אידן! הונדערטע אידן האבן זיך שוין אנגעשלאסן אויף די וואס שטיין טעגליך על המשמר צו זאגן טעגליך 'אמן' נאך די ברכת השחר! שליסט זיך אויך אן אין זיי און ווערט אויך באקרוינט מיט די צוויי 'כתרי גדולה'

**מיט א קריאה**
**פון "בהתנדב ראשי עם ברכו ה'"!**

**שבת שלום,**

יעקב דוב מארמארשטיין

# — די שול פאדערט איר שאנדע —

**א קליינער שטעטל איז די שטעטל אין מעזבוש אבער היינט איז ער וועלט בארימט, אז יעדער ווייסט צו זאגן פון איר.**

**איר באקאנטקייט נעמט זיך פון דעם הייליגן צדיק וואס האט געוואוינט אין איר, דער הייליגער בעל שם טוב הק', דער גרינדער פון די חסידישע באוועגונג וועלכע באלייכט די וועלט ביז צום היינטיגן טאג.**

**מיט וואס איז מעזבוש אזוי ספעציעל אז דער בעשטה"ק האט זיך באזעצט אין איר? א שיינע ערקלערונג איז דא דערויף פון רבי יאסקע פון מעזבוש. די ערקלערונג האט ער באקומען פון זיין גרויסן זיידן דער הייליגער בעל דגל מחנה אפרים', דער אייניקל פון דעם בעשטה"ק.**

**ומעשה שהיה כך היה:**

אין די שטאט מעזבוש האט געוואוינט א איד, א תלמיד חכם מופלג מיט'ן נאמען רבי בעריש בִּיעֲלַאִיאוּס. זכתה ר' בעריש אז אויף זיין טיש האט זיך פאראייניגט תורה וגדולה, אויסער וואס ער איז געווען א גדול בתורה, איז ער אויך געבענטש געווארן מיט א ריזיגע עשירות און אסאך פארמעגענס.

צו די גרויסע עשירות האט ר' בעריש זוכה געווען דורך זיין פרוי. אינדערצייט וואס ער איז געזעסן און געלערנט האט זי אנגעפירט מיט גרויסע געשעפטן און זייענדיג ברייט בארימט איבער די גאנצע געגענט מיט אירע טייערע סחורה'ס פלעגט מען קומען צו איר פון די גאנצע געגענט.

עס איז געווען אין יענע יארן ווען דער רבנות פאסטן פון די שטאט מעזבוש איז געווארן ליידיג. אין יענע יארן איז געווען דער מנהג אז די פריצים פון די שטאט האבן שולט געווען אויף די שטעט און אז אלעס איז געפירט געווארן דורך זיי.

זייער הערשאפט איז נישט געווען באגרענעצט צו די שטאטישע אנגעלעגנהייטן נאר אויך אין די נושאים וואס זענען נוגע די אידישע קהילה האבן זיי זיך געמישט און אויך ווען עס איז געקומען צו באשטימען א רב, האבן זיי באשלאסן ווער קען דינען אלץ רב און ווער נישט.

די רבנות האט מען געקענט אויסקויפן פאר געלט, ווער עס האט געגעבן די גרעסטע סומע געלט האט געקענט געווינען די רבנות.

די פרוי פון רבי בעריש ווייסנדיג אז איר מאן איז ווערד די רבנות האט נישט געטראכט קיין צוויי. זי איז אריבער צום שטוב פון דער פריץ און אים געגעבן א סומע געלט און אויסגעקויפט די רבנות.

ווען די רבנות שטר איז פאר'חתמ'ט און אין אירע הענט איז זי אריבער צו די פרנסי העיר און עס זיי געוויזן. אויך זיי ווייסנדיג אז רבי בעריש איז ראוי פאר די פאסטן האבן עס אנגענומען.

ווי נאר די בשורה איבער די נייע רבנות פאסטן איז ארויס אין שטאט זענען די געמיטער געווארן אויפגעהייטערט. אלע אידן אין די שטאט האבן געגלייבט אז ער איז א פאסיגער און עס איז באשטימט געווארן א פרייליכער מעמד הכתרה פאר'ן נייעם רב.

אין דער באשטימטער טאג זענען אלע אידן פון די שטאט געקומען צוגיין אין די שול פון די שטאט און דער רב האט זיך אויפגעשטעלט און געגעבן א דרשה. ביים ענדע פון די פילפול האט דער רב געלאזט וויסן פאר אלעמען אז אזוי ווי דער אלטער שול איז שוין קליין - גייט ער אויפבויען א נייער שול.

•


דער שול פון דער הייליגער בעשטה"ק אין די שטאט מעזבוש'

שוין צומארגענס פון די דרשה איז די בויערײ פון דער שול אריין אין שוואונג, אין די קומענדיגע חדשים האט מען געקנאקט און געזעצט ביז ווען דער שול איז געשטאנען מיט די גאנצע פראכט.

מיט א פרישקייט האט מען אנגעהויבן דאווענען אין איר, אבער דא האט פלוצלונג פאסירט א שרעקלעדיגע זאך, דער רב פון די נייע שול, רבי בעריש איז מיטאמאל קראנק געווארן.

מען האט געלאזט רופן די גרעסטע דאקטורים פון די געגענט, מען האט זיך געלאזט קאסטן גרויסע געלטער אבער די דאקטורים האבן נישט געטראפן קיין רפואה פאר ר' בעריש.

ווען דער מצב איז געווארן ערגער און ערגער האט די פרוי זיך מיישב געווען אז זי פארט אריבער קיין בראד. אין יענער צייט איז שוין געווען באקאנט דער נאמען פון דער הייליגער בעל שם טוב הק' אלץ פועל ישועות.

ר' בעריש האט זיך נישט געצײלט אויף די חסידים, אבער זעענדיג אז די מצב איז ביטער איז ער געווען גרייט צוגיין צו דעם צדיק.

ווען דער בעל שם טוב הק' האט געהערט וואס עס גייט פאר און איבער די צרה וואס פלאגט רבי בעריש האט ער זיך אנגערופן צו איר, אז ער קען שתדל'ן פאר איר, אבער נאר בתנאי' אז ער וועט אליין אראפקומען קיין מעזבוש.

מען האט גלייך גדינגען א פערד און וואגן און דער בעשטה"ק איז אריינגעקומען קיין מעזבוש.

ווען דער בעשטה"ק איז אנגעקומען קיין מעזבוש האט מען געהערט אז דער מצב ביי רבי בעריש איז זייער שמאל און קריטיש און אז אט אט איז יציאת נשמה. ווען מען האט עס איבערדערציילט פאר'ן בעשטה"ק האט דער בעשטה"ק נישט געכאפט קיין התפעלות נאר האט ממשיך געווען צוגיין צום שטוב.

אנקומענדיג אין שטוב האט דער בעשטה"ק ארויפגעלייגט די הענט אויף די מזוזה און זיך אנגערופן צו רבי בעריש אז אזוי געט מען נישט קיין שלום עליכם פאר א פרעמדער איד.

עס האט זיך גלייך דערקענט א שינוי לטובה אויף אים, ער האט זיך אויפגעזעצט אין בעט און געגעבן שלום פאר'ן בעל שם טוב הק', אבער דער בעשטה"ק האט געפאדערט ער זאל קומען צו אים.

די מצב איז געווארן בעסער ביי רבי בעריש. ער האט זיך געזעצט אויף א בענקל און דא האט זיך דער בעשטה"ק געוואנדן צו אים זאגנדיג אז ער זאל וויסן זיין אז אין הימל איז דא א שווערע קטרוג אויף אים, די ערשטע זאך איז אז ער האט גענומען די רבנות פאר זיך, עס קומט אים נישט, די צווייטע טענה איז נאך ערגער, ווי די ערשטע אז ער האט פארלאזט די אלטע שול, די שול האט א טענה אויף אים.

קעגן די ערשטע טענה קענסטו מודיע זיין יעצט אז דו לאזט אפ דאס רבנות אבער קעגן די צווייטע טענה איז נישט דא קיין עצה נאר אז איך זאל זיך אריבערקומען וואוינען פון בראד קיין מעזבוש און אנהייבן דאווענען אין די שול.

”אויב דו וועסט טון ביידע וועסטו געזונט ווערן”.

רבי בעריש האט מקבל געווען אויף זיך אז ער גייט אויפגעבן די רבנות און ער איז גלייך געזונט געווארן. אין די זעלבע צייט האט אויך דער בעשטה"ק זיך אריבערגעצויגן קיין מעזבוש און אנגעהויבן דאווענען אין דער ארטיגער שול.

די שול שטייט נאך ביז היינט און טראגט נאך ביז היינט דער נאמען 'דער שול פון דעם הייליגן בעל שם טוב הק'.

קובץ 'שפתי צדיקים' ט, עמ' עב

# בִּרְכוֹת הַשַּׁחַר כַּהֲלָכָה

## בְּקוֹל | בְּכַוָּנָה | בְּצַוְתָּא

**צו די זיבן מעלות איז זוכה דער וואס איז מקפיד יעדן צופרי צו מאכן ברכת השחר אין שול מיט אנדערע אידן:**

### די ניינציג אמנים אויף ברכות

א איד איז מחוייב צו ענטפערן יעדן טאג ניינציג אמנ'ס. אין דער כלל פון די אמנים גייט אריין נאר אמנים וואס ווערן געענטפערט נאך ברכות, נישט אזאנע וואס ווערן געענטפערט נאך קדיש. געוועגליך קומט נישט אויס פאר א מענטש צו הערן ניינציג ברכות א טאג, אבער אז ער הערט אויס צופרי ברכת השחר פון די מתפללים זאמלט זיך אן ביי אים גרינגערהייט ניינציג ברכות. (שו"ת הרמ"ע מפאנו סי' קט; 'מגן אברהם' ו ט; 'משנה ברורה' שם יג).

### די ניינציג אמנים פאר תפילות שחרית

פון דער זוהר הק' (תיקוני זו"ח תיקונא קדמאה מא ב) איז משמע אז די ניינציג אמנים וואס מען דארף ענטפערן יעדן טאג זאל מען משלים זיין נאך פאר מען שטעלט זיך דאווענען שחרית. די פראקטיש'סטע וועג צו ענטפערן ניינציג אמנים פאר שחרית איז אויסצוהערן די ברכות פון עטליכע אידן. ('הגהות בני אבא' על ספר 'פתורא דאבא' למהרח"ו, ענין ברכות השחר אות ו, בשם ה'עטרת צבי' מזידיטשוב).

### עס עפענט אויף די שערי התפילה

דער צדיק האדמו"ר רבי אהרן מזיטאמור שרייבט אז מיט די ניינציג אמנים פאר'ן דאווענען עפענט זיך א מענטש אויף די טויערן פאר'ן דאווענען, ווייל אז די תפילות זאלן נתקבל ווערן למעלה, דארף דער איד עפענען דריי טויערן און דורך די ניינציג אמנים ווערן די דריי שערים געעפענט ('תולדות אהרן' שופטים).

### זיינע ברכות ווערן מקויים

דער זוהר הק' (עקב רעא א) שרייבט אז נאר א ברכה וואס מען ענטפערט אויף איר אמן ווערט מקויים. אויף די ווערטער פון זוה"ק שטעלט דער 'ניצוצי זהר' (שם) צו דער באקאנטער יסוד פון דער רבנו בחיי (שמות יד לא) וועלכע שטעלט צו די ברכה צו אן עדות פון אן עד אחד און דער 'אמן' צו דער צווייטער עד, וועלכע איז מקיים די ברכה. עס קומט אויס אז נאר אין זכות פון דער אמן ווערט די ברכה מקויים. מיט דעם געדאנק שרייבט דער 'יסוד ושורש העבודה' (שער האשמורת פרק י): "ברכות השחר... טוב לסדרם בבית הכנסת עם שאר התפלה, כדי שיענו אחרים אמן אחר ברכותיו, כי מה מאד גדולה מעלת הברכה כשעונין אחרים אמן".

### א טייערע ברכה

א שטארקער געדאנק ווערט געברענגט אין ספר 'ילקוט מעם לועז' (משפטים עמ' תשלא): ער ברענגט אראפ אז וואס די חכמים האבן געזאגט (חולין פז א) אז די שכר פון א ברכה איז צען זהובים איז דווקא ווען ער מאכט די ברכה בקול רם, אז ער איז מזכה דעם רבים צו ענטפערן אמן (ראה ש"ך חו"מ שפב י). דער ענטפערן אמן ברבים איז דער כבוד פון השי"ת, ווייל עס איז א כבוד אז מען בענטש אים פאר א ציבור ווי דער פסוק זאגט (משלי יד כח): 'ברוב עם הדרת מלך'. פון דעם זאל מען ארויסלערנען צו זאגן  ברכות השחר און אנדערע ברכות פאר א קהל, בקול רם, אז דאס פאלק זאל ענטפערן אמן".

### א שלימות'דיגע ברכה

מיר ווייסן דאך אז דער אמן איז א טייל פון די ברכה, אז עס איז משלים די ברכה. וועגן דעם איז וויכטיג אז דער וואס מאכט די ברכה זאל אינזינען האבן יוצא צו זיין וואס ער הערט פון דער וואס ענטפערט אמן און אזוי ארום ווערט ער זוכה זיין אז זיין ברכה וועט זיין א ברכה שלימה. (רמ"א קסז ב ומ"ב שם ס"ק כ). דאס פארדינט דער וואס מאכט די ברכת השחר בחברותא, ער איז זוכה אז ער איז יוצא ידי חובת אמן אויף אלע זיינע ברכות. (תשובות והנהגות ח"א סי' ז).

### ער ווערט א מזכה את הרבים

דורכ'ן זאגן ברכות השחר בצוותא מאכט מען א זיכוי הרבים: דער וואס מאכט הויך א ברכה איז מזכה דער וואס ענטפערט מיט אן אמן און דער וואס ענטפערט צוריק איז מזכה דעם מברך אז זיי ברכה איז א שלימות'דיגע ברכה. דער 'פלא יועץ' שרייבט (ערך מזכה) אז דער שכר פון א מזכה במצוה פון א צווייטער איד ווענדט זיך אין די גרויסקייט פון די מצוה. מיר ווייסן דאך די גרויסקייט פון אן אמן קומט אויס לויט דעם אז דער מזכה את הרבים האט א גרויסער שכר.

דאגעגן איז באקאנט די ווערטער פון דער בעל ספר חסידים (תתכ, הובאו דבריו ב'ביאור הלכה' קלט ו) אז ווען א איד מאכט א ברכה שטיל, אויסער וואס ער האלט צוריק אנדערע פון זכות, נעמט ער אויך צו פון זיי די זכות פון אן עניית אמן.

### א נקמה אין די שונאי ישראל

נאך די ניצחון וואס כלל ישראל האט געהאט ביי די מלחמה פון סיסרא, האט דבורה הנביאה געזאגט שירה, זי האט געזאגט: "בפרע פרעות בישראל בהתנדב עם ברכו ה'" (שופטים ה ב). אויף דער פסוק דרש'נט אליהו הנביא אין 'תנא דבי אליהו' (רבא יא) כך: "מה נתנבאה דבורה לישראל? אלא כך אמרה להם: בזכות מי הקדוש ברוך הוא נפרע לישראל מאומות העולם? בבני אדם שהם משכימים ומעריבים לבית הכנסת ולבית המדרש ועונים אמן...".

דער אוזראווער רבי דער בעל באר משה לייגט צו דערויף אז ווען מען וועט מדייק זיין די ווערטער אין פסוק "**בהתנדב עם ברכו ה'**" קומט אויס אז די עיקר סגולה וואס דער אמן האט איז דורך אים באקומען די שונא ישראל זייער עונש און דאס געשעט דורך די וואס זענען משכימים לבית המדרש און ענטפערן אמן. ('באר משה' שופטים עמ' קסה).

### טייערער איד!

**יעצט איז די צייט זיך אנצושליסן! זיי דו אויך פון די מזכי הרבים, קום פרי אין שול אריין צו הערן די ברכת השחר און זיי אויך זוכה צו די אלע מעלות וואס ווערט דא אויסגערעכנט.**

זיך אנצושליסן פול אויס אן אפליקאציע אויף די מאשינען פון 'נדרים פלוס' און מיר וועלן זיך פארבינדן מיט דיר.



## — ענטפערן אמן אינמיטן די ברכת קריאת שמע —

**איינער וואס האלט אינמיטן די ברכת פון קריאת שמע זאל נישט מפסיק זיין פאר קיין עניית אמן, אויך נישט פאר א ברכה פון איינער וואס איז עולה לתורה[1]. אבער עס איז דא וואס זאגן אז מען זאל יא מפסיק זיין און ענטפערן אמן אויף די ברכות וואס מען מאכט פאר די קריאה און נאך די קריאה[2].**

1. דער מקור צו די הלכה איז אין 'פרי מגדים' (שם א"א ו) און אין 'חיי אדם' (כ ד) און אזוי פסק'נט אויך די 'משנה ברורה' (שם יח).

אין ספר 'צידה לדרך' (דברים לב ג) איז ער מחדש אז לויט דער שיטת הרמב"ן (שכחת העשין עשה טו) אז די ברכות פון ברכת התורה איז מן התורה איז אויך דער עניית אמן אויף די ברכה מן התורה. ווייל די חיוב פון ברכת התורה האבן חז"ל ארויסגעלערנט (ברכות כא א) פון דער פסוק (שם) "כי שם ה' אקרא הבו גדל לאלקינו"' (ברכות כא א). רש"י אויפ'ן ארט איז מפרש (שם ד"ה כי) אז איידער משה רבינו האט אנגעהויבן מיט די שירה פון האזינו האט ער געהייסן פאר'ן כלל ישראל: "כי שם ה' אקרא" - אז ווען איר זאגט די ברכת התורה זאלט איר געבן "הבו גדל לאלקינו" - מיט'ן ענטפערן אמן נאך איר. לויט דער רמב"ן אז די דרשות חכמים איז א דרשה גמורה און נישט אן אסמכתא און לויט דעם קומט אויס אז אזוי ווי דער חיוב צו בענטשן ברכת התורה איז מן התורה, איז אויך דער חיוב פון ענטפערן אמן נאך איר, וועלכע מען לערנט ארויס פון די זעלבע פסוק אויך מן התורה.

אבער דער 'פרי מגדים' ('תיבת גמא' פרשת האזינו) שרייבט אז אפילו לויט'ן דעת הרמב"ן אז דער חיוב עניית אמן נאך ברכת התורה איז מן התורה, אבער ווען ער שטייט ביי אן ארט וואו מען מעג נישט מפסיק זיין זאל ער נישט מפסיק זיין אויך פאר אן אמן פון די ברכה. דער פרי מגדים ערקלערט אז ער נעמט אן אזוי להלכה, ווייל רוב ראשונים זענען חולק אויפ'ן רמב"ן און האלטן אז אויך ברכת התורה איז נאר מדרבנן און אויך דער 'אמן' נאך איר איז מדרבנן און ווען מען רעדט לדינא דארף מען חושש זיין צו רוב דיעות (וראה 'משנה ברורה' ריש סי' מז).

אויך דער 'צידה לדרך' וועלכע נעמט אן דער (שם; 'באר שבע' סוטה מא א) רמב"ן להלכה זאגט עס נאר אויף די ברכה וואס דער עולה לתורה מאכט פאר די קריאה, אבער ביי די ברכה וואס ווערט געמאכט נאך די קריאה און אויך ביי ברכת התורה וואס דער יחיד מאכט צופרי איז דער רמב"ן אויך מודה אז עס איז נאר מדרבנן.

דער 'מגן אברהם' (קלט ה) קריגט זיך אויף דער 'צידה לדרך', ער האלט אז אויך לוט דער רמב"ן אז עס איז מן התורה, איז א מענטש יוצא ידי חובתו מיט די ברכת התורה וואס ער מאכט צופרי פאר'ן לערנען און די ברכה וואס ער מאכט שפעטער ביי קריאת התורה איז נאר א תקנת חכמים און אזוי פסק'נט אויך דער 'משנה ברורה' (שם).

2. דער מקור צו די הלכה איז א 'מגן אברהם' (שם ו). אזוי פסק'נט אויך דער 'שו"ע הרב' (שם ב) און דער 'דרך החיים' (דיני קר"ש וברכותיה ה). אז דער טעם פארוואס מען איז מפסיק לעניית אמן נאך די ברכות פון איינער וואס עולה לתורה איז ווייל מען איז דאך נישט עולה לתורה נאר ווען עס איז דא א מנין אידן, מילא קומט אויס אז דער ענטפער נאך די ברכה האט א דין ווי קדיש אדער קדושה אויף וועלכע מען איז מפסיק אויך אינמיטן די ברכות פון קריאת שמע וברכותיה. דער 'תהלה לדוד' (סו ו) ברענגט אראפ דער יסוד און איז מסופק לויט דעם אויב מען זאל מספיק זיין סיי ביי א "אשר בחר בנו" וועלכע מען זאגט פאר די קריאה, ווייל עס האט נישט קיין קדושה, ווייל א יחיד זאגט עס פאר'ן לערנען. ער בלייבט דארט אז פון דער 'שו"ע הרב' איז משמע אז אויך פאר די ברכה איז מען מספיק און אזוי פסק'נט אויך דער 'פקודת אלעזר' (שם ג) און דער 'פסקי תשובות' (שם ו). נאך שרייבט דער 'תהלה לדוד (שם ג) אז די זעלבע זאך איז אויך נאך די ברכת הפטרה אפילו אויב מען זאגט עס נישט ביי א מנין פון צען.

אין ספר 'לקט הקמח החדש' (שם יב) איז ער מפרש אז די טעם פון וואס האלטן אז מען דארף מפסיק זיין אויף אמן נאך ברכת התורה איז ווייל עס איז דא א חיוב מן התורה לענות אמן פאר די ברכה זו. אבער דער 'פרי מגדים' וועלכע מיר האבן געברענגט אין די פריערידיגע שטיקל האלט נישט אזוי.

# שערי גן עדן

## אמן און ברכות אין די ווערטער פון בעל הילולא



## רבי יונתן שטייף

### ט' באלול תשי"ח

דער גאון רבי יונתן שטייף זצ"ל איז געבוירן געווארן צו זיין פאטער ר' צבי אין די שטעטל גאיא אין אונגארן (היינט אין סלאוואקיי) אין חודש אלול אין יאר תרל"ז.

נאך פון זיינע יונגע יארן איז ער געווען זייער בארימט מיט זיין גאונות און גדלות, אין די בלויזע עלטער פון 11 יאר האבן אים זיינע עלטערן אוועקגעשיקט לערנען ביים שבט סופר אין די שטאט פרעשבורג, וואו ער איז שטארק אויסגעשטיגן אין תורה.

ביי די חתונה איז ער געווארן אן איידעם אין די שטאט פאקש. ער האט זיך באזעצט דארט. נאך איידער ווען ער איז אנגעקומען צו די עלטער פון דרייסיג יאר איז ער שוין באשטימט געווארן מיט די כתר הדיינות.

ער איז געווארן א דיין אין די שטאט גוטא און פון דארט איז ער אריבער צו דינען אלץ דיין אין די שטאט אונגוואר, אין יאר תרפ"ג איז ער באקרוינט געווארן צו דינען אלץ דער ראב"ד אין די שטאט בודאפעסט.

נאך די ביטערע קריג האט ער זיך באזעצט אין ניו יארק. דארט האט ער געדינט אלץ דער רב פון די עדת יראים וויען און אלץ דער סגן נשיא פון דער התאחדות הרבנים.

פון אלע עקן ניו יארק האט מען געשטראמט צו אים און אים אנגעפרעגט שאלות בהלכה און זיך מייעץ געווען מיט אים איבער אלע ענינים.

אן איינציגסטער זון האט ער געהאט מיט'ן נאמען הרב צבי יהודה, ער איז אומגעקומען ביי די ביטערע קריג הי"ד. זיין טאטע האט טאג טעגליך געלערנט פרקי משניות לעילוי נשמתו.

רבי יונתן האט מחבר געווען ספרים אין אלע מקצועות התורה. צווישן זיינע ספרים ציילט זיך: 'חדשים גם ישנים' אויף מסכתות הש"ס; 'מהר"י שטייף' על התורה; שו"ת 'מהר"י שטייף'; 'מצוות השם' על עניני אמונה, וספרים נוספים.

אין דעם טאג ט' אלול אין יאר תשי"ח איז רבי יונתן נסתלק געווארן און מען האט אים געלייגט אין די בית הקברות 'בית ישראל' אין ניו דזשערסי.

## די מעלה פון עניית אמן

אין דער ספר 'מצוות השם' (סי' ג אות כא) איז דער צדיק רבי יונתן שטייף מעורר אויף די גרויסע מעלה פון עניית אמן, פאלגענד זענען זיינע ווערטער:

"עס איז דא א מעלה צו ענטפערן אמן נאך יעדע ברכה ווי חז"ל זאגן (ברכות מז א): 'כל המאריך באמן מאריכים לו ימיו ושנותיו'. נאך זאגן זיי דארט (שם נג ב): 'גדול העונה אמן יותר מן המברך'. ווייל ווען א איד ענטפערט אמן נאך די ברכה איז ער מקיים און מחזק די ווערטער וואס איז געזאגט געווארן ביי די ברכה, ווי חז"ל זאגן שוין אין (שבועות לו א): 'אמן איז א לשון פון האמנת דברים'. די זעלבע זאגן אויך חז"ל אז אמן איז ראשי תיבות 'א-ל מלך נאמן' (שבת קיט ב). נאך ווערט געברענגט איבער די מעלה פון עניית אמן (סנהדרין קי ב): 'קטן מאימתי בא לעולם הבא? משעה שאמר אמן'.

עס קען זיין אז עס איז דא א מקור פון עניית אמן פון וואס עס שטייט ביי א סוטה (במדבר ה כב): 'ואמרה האשה אמן אמן' און דער זהר הקדוש איז זייער מחמיר אז מען זאל נישט מבטל זיין דער 'אמן'. עס קען זיין אז דער ענטפערן 'אמו' איז בכלל די מצוה פון 'ואתו תעבד' (דברים ו יג).